# טענענט רדיפה 'הערעסמענט' (*Harassment*)

באשיצונגען פאר ניו יארק סטעיט טענענטס



אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל

**לעטישע דזשעימס**

# מיטלען

## צו באקומען הילף אויף צו טרעפן אן אדוואקאט

- איר קענט קוואליפיצירן פאר פרייע לעגאלע הילף. צו זעהן אויב איר זענט בארעכטיגט, באזוכט ***lawhelpny.org***.
- די וואס זענען נישט בארעכטיגט צו באקומען פרייע הילף קענען געפינען א 'רעפוירל' (referral) דורך זייער לאקאלע 'באר אסאשיעישאן' (Bar Association). באזוכט די ניו יארק סטעיט 'באר אסאסיעישאנס לאיער רעפוירל' זייטל אויף ***nysba.org/lawyerreferral/please*** אדער די וועב זייטל פון די 'באר אסאסיעישאן' אין אייער קאונטי.

## נאך מיטלען

- פאר צוגאב מיטלען (resources) אין פארבינדונג מיט לענדלארד ענינים און הילף וואס אנבאלאנגט 'עוויקשאנס' (evictions), קענען טענענטס אויך באזוכן ***nyhousingsearch.gov/resources.html***.

## טייערע ניו יארקער,

אלס א טענענט, האט איר די רעכט צו וואוינען פרידליכערהייט אין אייער היים, אן צו ווערן גע'רודפ'ט 'הערעסד' (harassed) דורך אייער לענדלארד.

טענענטס רדיפה 'הערעסמענט' (harassment) קען אננעמען פארשידענע פארמען; אנגעהויבן פון סטראשונקען און איסגעלאזט ביי אפהאקן נוטיגע סערוויסעס אזוי ווי למשל הייצונג אדער הייס וואסער, ביז אנמאכן שאדענס אין אייער היים אדער דירה. סיי אויב אייער לענדלארד באפאסט זיך מיט רידפה 'הערעסמענט' (harassment) כדי אייך ארויס צו צווינגען פון די דירה, סיי אויב עס איז נקמה אקעגן אייך פארן מאכן א 'קאמפלעינט' אדער פארן באהויפטן אייערע רעכטן, סיי ווען דאס איז צוליב סיי וועלכע אנדערע סיבה; זענען פארהאנען באשיצונגען דאס אפצושטעלן.

דער דאזיגער בראשור אנטהאלט אינפארמאציע איבער אייערע רעכטן אלס א טענענט, ווי אויך מיטלען 'ריסאורסעס' (resources) וואס זענען דא אייך צו העלפן אויב איר ווערט גע'רודפ'ט 'הערעסד' (harassed) דורך אייער לענדלארד.

מיט שעצונג,

Letitia James



אטוירני דזשענעראל פון ניו יארק
**אטוירני לעטישע דזשעימס**

# באשיצונגען פאר טענענטס וואס פארמעסטן זיך מיט נקמה אקציעס אין ניו יארק סטעיט

עס איז אומלעגאל פאר לענדלארדס אין ניו יארק נקמה צו נעמען אין טענענטס וואס מאכן א תמימות'דיגע 'גוד פעיט' (good faith) 'קאמפלעינט' צו זיי אדער צו א רעגירונגס אגענטור. די דאזיגע 'קאמפלעינטס' קענען אריין רעכענען פארלעצונגען פון געזונטהייט און זיכערהייטס געזעצן, אנגעלעגנהייטן וואס האבן צו טאן מיט וואוינ'בארקייט 'האביטעביליטי' (habitability) אדער די נישט-פארריכטונג 'נאן-ריפער' (non-repair) פון דאס פלאץ, אדער פארלעצונגען פון די רעכטן אונטער א 'ליעס'. אלע טענענטס* זענען באשיצט פון די סארט נקמה אקציעס אונטערן געזעץ. ווען א לענדלארד טוט די פאלגענדע זאכן, ווערט אנגענומען אז דאס באדייט נקמה:

- אויב אין פארלויף פון איין יאר פון מאכן א תמימות'דיגע 'גוד פעיט' (good faith) 'קאמפלעינט' טוט אייער לענדלארד אריין ברענגען אן 'עוויקשאן' (eviction) קעיס אקעגן דעם טענענט. אויב איר אינפארמירט דאס געריכט אז איר האט געמאכט אזא 'קאמפלעינט' אין פארלויף פון איין יאר פון די 'עוויקשאן' (eviction) פראצעדור, פארלאנגט דאס געזעץ אז אייער לענדלארד זאל אויפווייזן אז די 'עוויקשאן' (eviction) איז נישט אויס נקמה. די 'עוויקשאן' (eviction) פראצעדור וועט איבער געריסן ווערן אויב אייער לענדלארד פארפעלט אויפצואווייזן אז די 'עוויקשאן' (eviction) איז נישט געווען אויס נקמה.
- אויב אין פארלויף פון איין יאר פון דעם טענענטס 'קאמפלעינט' טוט דער לענדלארד באדייטענד טויש'ן די טערמינען פון א טענענטס רענטל אפמאך. דאס שליסט איין: זיך אפזאגן פון איין ווייטער צו פארדינגען; פארפעלן צו באנייען א 'ליעס' נאכדעם וואס די 'ליעס' איז אפגעלאפן; אדער אנבאטן א נייע 'ליעס' מיט אן אבנארמאלע ['אנ-ריזאנעבל'] (unreasonable) רענט העכערונג.

**אויב עס שטעלט זיך ארויס אז לענדלארדס האבן אומלעגאל גענומען נקמה אין טענענטס, זענען זיי אויסגעשטעלט צו שטראפען און 'פיס' (fees).**

* דאס שליסט איין אלע טענענטס, אויסער אזעלכע וואס וואוינען אין אייגענטימער-אקופירטע 'דוועלינגס' (dwellings) וואס האט ווייניגער ווי פיר איינהייטן

# באשיצונגען פאר 'רענט סטאבילעזירטע' און 'רענט קאנטראלירטע' טענענטס

עס איז פארבאטן פאר לענדלארדס צו רודפ'ן 'הערעסן' (harass) טענענטס וואס וואוינען אין 'רענט קאנטראלירטע' אדער 'רענט סטאביליזירטע' דירות. אונטער די רענט רעגולאציעס פון ניו יארק סטעיט, ווערט רדיפה 'הערעסמענט' (harassment) אפגעטייטשט אלס אן אויפפירונג דורך א לענדלארד וואס טוט דירעקט אדער אומדירעקט שטערן, אדער איז געצילט צו שטערן, אייער פריוואטקייט, באקוועמליכקייט און אייער געניסן פון אייער 'דוועלינג' (dwelling).

- אויב איר וואוינט אין א 'רענט סטאביליזירטע' אדער 'רענט קאנטראלירטע' דירה, קענט איר איינגעבן א 'קאמפלעינט' ביי די ניו יארק סטעיט 'האומס ענד קאמיוניטי ריניועל' Homes and Community) (HCR (Renewal) אויף (866) 275-3427, אדער דורך באזוכן **nyshcr.org**.
- א דירה איז 'רענט קאנטראלירט' אויב עס איז געווען אקופירט נאכאנאנד דורך א טענענט זייט יולי 1, 1971, און די געביידע איז געבויעט געווארן בעפאר פעברואר 1, 1947.
- אין רוב פעלער איז א דירה 'רענט סטאביליזירט' אויב עס געפינט זיך אין א געביידע וואס איז געבויעט געווארן בעפאר יאנואר 1, 1974, און די געביידע האט זעקס אדער מער טענענטס.